בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת חיי שרה תשפ"ב | שבת מברכין כסלו | חיי שרה תשס"ט - תשפ"ב 13 יאר | גליון 621 [שנה י"ד]

*ברוך שהחיינו וקיימנו לזמן הזה אז דער גליון פרדס יהודה גייט שוין און13 יאר פון חיי שרה תשס"ט גליון א' א דאנק פאר די אלע וואס האבן מיר געגעבן חיזוק, און בעיקר צו האברך כמשמעו מיין פלימעניק ר' אברהם דוד שערמאן נ"י וואס אין זיין זכות איז דא די פרד"ס יהודה יהיה מבורך מפי עליון, און היינט 621 גליונות שפעטער האבן מיר לייענער'ס איבער די גאנצע וועלט און ומצא חן בעיני אדם איז דאס אויך ומצא חן בעיני אלקים. און דער גליון איז היינט אויך אין לשה"ק און ענגליש, דער אויבערשטער זאל אייך אלעמען בענטשן און אונז געבן כח און געזונט מיטן קענען אנגיין די הייליגע ארבעט עמו"ש און ווייטער,*

**עפרון האט שטארק דערלייגט ביי אברהם**

וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם לְעֶפְרֹן אֶת הַכֶּסֶף אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּאָזְנֵי בְנֵי חֵת אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף עֹבֵר לַסֹּחֵר: (כג טז) שטייט אין מדרש (ב"ר פנ"ה ז) אויפן פסוק נִבְהָל לַהוֹן אִישׁ רַע עָיִן וְלֹא יֵדַע כִּי חֶסֶר יְבֹאֶנּוּ. (משלי כח כב) אז עפרון האט געוואלט פארדינען אסאך געלט און ער האט געהאט א שלעכטע אויג און ער האט אפילו נישט געוואוסט אז ער האט פארלוירן אסאך געלט צוליב דעם, דעריבער שטייט עֶפְרֹן חסר וא"ו. צו פארשטיין דעם מדרש וואס לכאורה איז שווער ווייל עפרון האט דאך גענוג פארדינט דא, איז וואס מיינט ער האט געהאט א חסרון? נאר באמת אז מען וועט מתבונן זיין אין די פרשה וועט מען דאס גוט פארשטיין: אברהם האט לכתחילה געבעטן נאר די מערת המכפלה אליין אזוי ווי עס שטייט וְיִתֶּן-לִי "אֶת מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה" אֲשֶׁר-לוֹ אֲשֶׁר בִּקְצֵה שָׂדֵהוּ, און בְּכֶסֶף מָלֵא יִתְּנֶנָּה לִּי, אברהם האט מסכים געווען צו געבן כל הון דעלמא פאר די מערה אליין, אבער עפרון האט דאס נישט פארשטאנען און געזאגט לֹא אֲדֹנִי שְׁמָעֵנִי הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לָךְ וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ לְךָ נְתַתִּיהָ לְעֵינֵי בְנֵי עַמִּי, עפרון גיט אים אוועק די שדה מיטן מערה פאר ד' מאות שקל כסף עובר לסוחר, און אברהם איז מסכים גערן, און עפרון מיינט ער האט אפגענארט אברהם און פארדינט מיט דעם מקח, אבער אברהם איז געווען גרייט צו געבן דעם ד' מאות שקל פאר די מערה אליין און צוליב עפרון'ס תאוה פאר געלט, האט עפרון דערלייגט די שדה ווען ער וואלט געקענט האבן ד' מאות שקל נאר פארן מערה, און די שדה וואלט געבליבן ביי אים, דעריבער שטייט עֶפְרֹן חסר. דאס מיינט וְלֹא יֵדַע כִּי חֶסֶר יְבֹאֶנּוּ, ער האט נישט געכאפט אז ער האט פארלוירן אסאך געלט. (תולדות נח אב"ד טימקאוויטש)

**ווי אזוי האט יצחק געמעגט נעמען רבקה וואס איז געווען פון חו"ל**

וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל: (כד א) שטייט אין מדרש תנחומא אויף דעם פסוק: פון דעם פרשה לערנט מען אז דער עיקר איז כוונה ביים דאווענען, לכאורה איז דאס א פלא, און בכלל וואס איז דאס א שייכות צו די שליחות פון אליעזר צו טרעפן א ווייב פאר יצחק? נאך א קשיא אז אברהם האט געזאגט פאר אליעזר אֲשֶׁר לֹא תִקַּח אִשָּׁה לִבְנִי מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי אֲשֶׁר אָנֹכִי יוֹשֵׁב בְּקִרְבּוֹ: כִּי אֶל אַרְצִי וְאֶל-מוֹלַדְתִּי תֵּלֵךְ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי לְיִצְחָק: (שם ג-ד) אויב אזוי ווי האט אליעזר געמעגט נעמען רבקה פון חו"ל פאר יצחק? נאר מען זעהט אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אברהם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ, וֶהְיֵה בְּרָכָה, ווייל די אלע ברכות איז נאר אין א"י כִּי שָׁם צִוָּה ה' אֶת הַבְּרָכָה, און יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן, ווייל די השראת השכינה איז נאר אין א"י? נאר דערפאר דארף מען מכוון זיי ביי תפלה כנגד ירושלים ווייל א מענטש וואס טראכט פון א"י איז אזוי ווי ער איז דארטן, אזוי שטייט אין גמ' (כתובות דף ע"ה.) המצפה לראותה איז אזוי ווי ער איז א בן א"י, ממילא האט אליעזר געוואוסט אז רבקה אפילו זי וואוינט אין חו"ל, אבער איר מחשבה איז אין א"י, איז זי גערעכנט ווי א בת א"י, און דעריבער האט אליעזר איר געמעגט נעמען פאר יצחק, יעצט איז גוט דער מדרש תנחומא די שייכות פון כוונה בתפילה צו די שליחות פון אליעזר, וואס ביי תפילה זעהט מען דעם ענין פון מכוון זיין כנגד ירושלים און דאס איז ווי מען איז דארטן, און דאס איז אויך געווען ביי רבקה. (דברי יואל סוף פרשת תולדות)

**דרוש- אליעזר איז געגאנגען מיט גרויס חכמה ביי לבן**

וַיִּקַּח הָעֶבֶד עֲשָׂרָה גְמַלִּים מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו וַיֵּלֶךְ וְכָל טוּב אֲדֹנָיו בְּיָדוֹ: (כד י) זאגט רש"י וְכָל טוּב אֲדוֹנָיו בְּיָדוֹ. שְׁטַר מַתָּנָה כָּתַב לְיִצְחָק עַל כָּל אֲשֶׁר לוֹ, א שטר מתנה אז ער האט געגעבן זיין גאנצע רכוש פאר יצחק כְּדֵי שֶׁיִּקְפְּצוּ לִשְׁלוֹחַ לוֹ בִּתָּם, דארף מען פארשטיין פארוואס האט אברהם געדארפט שיקן דער שטר מתנה אז ער האט געגעבן זיין גאנצע רכוש פאר יצחק, כדי מען זאל זיך וועלן משדך זיין מיט אים, אין דער צייט וואס אלע האבן געוואוסט זיין רייכקייט און דעם חשיבות פון אברהם אז מען האט געזאגט נְשִׂיא אֱלֹקִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ? נאך א שוועריקייט אז אליעזר האט געזאגט צו לבן (לט) וָאֹמַר אֶל אֲדֹנִי אֻלַי לֹא תֵלֵךְ הָאִשָּׁה אַחֲרָי: זאגט רש"י פון מדרש אֻלַי לֹא תֵלֵךְ הָאִשָּׁה. 'אֵלַי' כְּתִיב, בַּת הָיְתָה לוֹ לֶאֱלִיעֶזֶר, אליעזר האט געהאט א טאכטער און ער האט געוואלט אז אברהם זאל איר נעמען פאר יצחק וְהָיָה מְחַזֵּר לִמְצוֹא עִלָּה שֶׁיֹּאמַר לוֹ אַבְרָהָם לִפְנוֹת אֵלָיו לְהַשִּׂיאוֹ בִּתּוֹ. איז א פלא אז דאס איז בכלל נישט מרומז אין די תורה אז ער האט אזוי געזאגט פאר אברהם? נאר מען קען זאגן א שיינע מהלך דא, אז אליעזר איז געגאנגען מיט חכמה כדי צו שטופן דעם שידוך פאר לבן, זאגנדיג אז אויב לבן וועט נישט מסכים זיין צום שידוך וועט אברהם נעמען זיין טאכטער פאר יצחק, אבער לבן וואלט דאך געקענט אפרעגן די ווערטער פון אליעזר אז זיין טאכטער איז א קנעכט און אברהם וועט איר נישט נעמען! נאר דו וועסט וועלן זאגן אז אברהם וועט איר משחרר זיין, איז דאס נישט מעגלאך, ווייל דער וואס איז משחרר א עבד איז עובר אויף א עשה פון לְעֹלָם בָּהֶם תַּעֲבֹדוּ,(ויקרא כה מו) גמ' (גיטין דף ל"ה ע"ב), איי די גמ' זאגט אז צו מקיים זיין א מצוה מעג מען יא משחרר זיין, אבער פאר אברהם איז דאס נישט געווען קיין מצוה, ממילא וועט לבן וועלן א גרויסע נדן פאר זיך, ווייל אברהם וועט מוזן נעמען רבקה! דעריבער האט אברהם געשיקט א שטר מתנה, וואס אין זיין רכוש איז אויך נכלל אליעזר און זיין טאכטער, ממילא פאר יצחק, ווייל ער זוכט א שידוך איז דאס א מצוה, קען ער משחרר זיין די טאכטער פון אליעזר און נישט עובר זיין דער עשה, דעריבער נאכן ווייזן דעם שטר מתנה פאר לבן, האט לבן געזען אז ער איז נישט פארזיכערט אז אברהם מוז נעמען רבקה, ווייל ער קען נעמען בת אליעזר, דעריבער האט ער געמוזט מסכים זיין און געזאגט הִנֵּה רִבְקָה לְפָנֶיךָ קַח וָלֵךְ וּתְהִי אִשָּׁה לְבֶן אֲדֹנֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה': (נ"א) און איך בעט נישט א גרויסע נדן, אבער פונדעסטוועגן האט אליעזר יא געגעבן מִגְדָּנֹת לְאָחִיהָ וּלְאִמָּהּ, און פאר רבקה שטייט כְּלֵי כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּבְגָדִים וַיִּתֵּן לְרִבְקָה, איז שוין גוט פארוואס פאר אברהם האט ער נישט געזאגט אֻלַי לֹא תֵלֵךְ הָאִשָּׁה, ווייל ראשית אברהם וואלט זיך נישט משדך געווען מיט בת אליעזר, און ער וואלט

איר נישט געמעגט משחרר זיין, און צווייטנ'ס ווייל ער האט דאס נאר געמיינט צו שטופן לבן צום שידוך, ודו"ק. (מבואר ע"י המו"ל מספר אור צבי, הגאון רב צבי הירש מחכמי בראד)

## א ווינקל אין א מנהג און הלכה – נוסח התפילה - אביי הוה מסדר

אין סדר הקרבנות זאגט מען אַבַּיֵי הֲוָה מְסַדֵּר סֵדֶר הַמַּעֲרָכָה מִשְּׁמָא דִגְמָרָא וְאַלִּבָּא דְאַבָּא שָׁאוּל: דאס איז א גמ' (יומא דף לג ע"א) וז"ל אביי מסדר המערכה משמיה דגמרא וכו', עם איז דא טאקע א חילוק אין נוסחאות היינט, אנדערע זאגן ווי עם שטייט אין די גמ', און אזוי שטייט אין טור או"ח סי' מ"ח און אין ב"י, און אסאך צדיקים האבן אזוי געזאגט, ווייל אזוי ווי עם שטייט "וידבר משה", ער רעדט נאך היינט אזוי אויך איז אביי יעצט אויך מסדר די מערכה, אנדערע זאגן אביי היה מסדר, און אנדערע זאגן אביי הוה מסדר. אין קובץ בית אהרן וישראל קי"ד ברענגט אז אין אנפאנג האבן די רבי'ס געזאגט אביי היה מסדר און נאכדעם האט מען געביטן אויף אביי הוה מסדר, נאר מען האט געזאגט אביי, און א קורצע הפסקה, כדי נישט זאגן צוזאמען "אביי הוה" כדי מען זאל נישט אויסקוקן אז מען זאגט שם הוי', און מהאי טעמא האט דער הייליגער בית אהרן געזאגט אליהו, א קורצע הפסקה, און דערנאך הנביא, כדי עס זאל נישט אויסקוקן אז מען זאגט שם הוי'. אינטרעסאנט אז דער שמועס פון קובי"א וועגן אביי הוה און אליהו הנביא, שטייט קלאר אין אשל אברהם או"ח סי' מ"ח אז דער פרי מגדים האט מהאי טעמא פון חשש שם הוי', געזאגט אביי היה מסדר, און דארטן רעדט ער אויך פון אליהו הנביא עיי"ש. דער נוסח אין שלטי הגבורים איז אביי הוה מסדר, אין שו"ע האריז"ל און שו"ע הרב, איז אויך אביי הוה מסדר, אויך אין אמרי פינחס להרה"ק ר' פינחס מקאריץ, קומט אוים אז יעדע נוסח האט זיך אויף וועמען צו זיך פארלאזן, ונהרא נהרא ופשטי' (שמח זבולון תשפ"ב)

## מדור העובדות

## ****דער הייליגער פני יהושע טרעפט זיך מיטן הייליגן בעש"ט*****

הגאון רבי יעקב יהושע פָּאלְק דער הייליגער פני יהושע איז געבוירן געווארן כ"ח כסלו תמ"א אין קראקא צו זיין טאטן הגאון ר' צבי הירש, ער איז געווען פריערט דער רב און ראש ישיבה אין שטאט לעמבערג, און נאכדעם אין ברלין ובסוף אין פרנקפורט. (נפטר י"ד שבט תקט"ז) הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשנא (תקל"ח - י"ט בניסן תר"ג) א תלמיד פון הייליגן חוזה מלובלין און דער יהודי הק' האט דערציילט אז דער הייליגער בעש"ט פאר ער איז נתפרסם געווארן איז ער געווען א מלמד אין א דערפל לעבן לעמבערג, און די אידן האבן זייער געשעצט דעם בעש"ט, און מען האט געהאט א מנין יעדן שבת, און צו סליחות האט מען געשיקט דעם בעש"ט צו זיין חזן און דער עולם איז געווארן זייער נתעורר פון אים און מען האט מחליט געווען אז זיי ווילן בלייבן אין דארף אויף ר"ה, און דער בעש"ט האט מסכים געווען צו זיין זייער בעל תפילה און בעל תוקע, און און דער ר"ה איז געווען מיט אזא דערהויבנקייט, דערווייל האבן זיך די ראשי הקהל פון די גרויסע שול אין לעמבערג דערוואוסט און זענען געווארן אין כעס און געזאגט אז מען דארף זיי קנסנ'ן, און האבן געזאגט אז אויף יו"כ ווען זיי וועלן קומען אין שטאט וועט מען זיי גוט פארשעמען, אבער די אידן אין דארף  האבן מחליט געווען אויך צו דאווענען אויך יו"כ אין דארף און דער הייליגער בעש"ט איז געווען חזן.

די ראשי הקהל האבן נישט אוים געהאלטן פון די חוצפה און האבן געזאגט אז אויף סוכות וועלן זיי מוזן קומען אין שטאט קויפן ד' מינים, און האבן ארוים געגעבן א באפעל אז מען טאר נישט פארקויפן ד' מינים פאר די דארפסלייט ביז זיי וועלן נישט מקבל זיין נזיפה און תשובה טאן אויף דעם פארברעך! און טאקע דעם טאג וואס די אלע אידן זענען געקומען אין שטאט האבן די ראשי הקהל זיי פארגעהאלטן און געזאגט אז זיי מעגן נישט קויפן ד' מינים נאר אויב זיי וועלן מקבל זיין צו קומען ערב סוכות אנגעטאן מיט די בגדים פון ימים נוראים און ברענגען זייער חזן און גיין בארווים פון טויער פון שטאט ביזן הויז פון רב, און נאכדעם גיין אין שול און דער חזן זייערע וועט מען פארהערן, אויב ער זאגט די ווערטער און נוסח ווי די הלכה איז, און ער בלאזט שופר כהלכה איז גוט און זיי וועלן יוצא זיין מיט די בזיונות און מען וועט זיי פארקויפן ד' מינים, אבער אויב נישט וועט מען זיי שטארק קנס'נן!

זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה און האבן דאס מקבל געווען, און ערב סוכות זענען זיי אנגעקומען אין שטאט אנגעטאן קיטלאך און בראשם איז געגאנגען דער הייליגער בעש"ט און די קינדער און ליצים האבן זיי נאכגעשריגן און געמאכט ליצנות פון זיי די גאנצע וועג, ביז זיי זענען אנגעקומען אין שול, און דער הייליגער בעש"ט שיקט מען צום עמוד און די ראשי הקהל און די שטאטסלייט הערן זיך צו די בעש"ט וואס זאגט אלעם מיט דקדוק און נוסח! ער האט געדארפט יעצט זאגן שמונה עשרה האט דער בעש"ט מיט א פייערדיגן פנים זיך אויסגעדרייט צו די מענטשן פון לעמבערג און געזאגט אז ערווארענט זיי אז דער וואס האט נישט תשובה געטאן אויף זייערע עבירות זאלן שנעל ארויסגיין ווייל אויב נישט וועט נישט זיין גוט פאר זיי, און זיי האבן זיך אויסגעלאכט!

דער בעש"ט האט אנגעפאנגען זאגן ברוך אתה פון שמונה עשרה און פלוצלינג האבן די ראשי הקהל געפאלן חלשות און אזוי אויך רוב מענטשן דארטן און עס האט געהאלטן ביי יציאת נשמה, האבן די מענטשן געזאגט אז דער בעש"ט דארף שוין מער נישט זאגן, און דערווייל איז מען געלאפן צום פני יהושע וואס איז געווען מיט טלית און תפילין און מען האט אים דערציילט וואס עס איז געשען, און ער איז שנעל אריין אין שול און געגעבן א קוק אויפן הייליגן בעש"ט און געשריגן אויף זיי פארוואס זיי האבן אנגעפאנגען מיט אזא הייליגער מענטש, דער פני יהושע האט געהייסן איבער בעטן דעם בעש"ט און די מענטשן האבן זיך דערמינטערט און געמוזט פאלן צו די פים פון בעש"ט וואס האט זיי מוחל געווען. ע"כ הסיפור,

מען דערציילט אז דער סיפור האט געשאפט א נאנטקייט מיטן פני יהושע און דער בעש"ט, און ווען דער בעש"ט האט געקומען זיין א שוחט און מען האט געוואלט ער זאל ווייזן זיין חלף פארן פני יהושע, האט ער געזאגט אז דעם חלף פון בעש"ט דארף מען נישט בודק זיין! און עס איז באוואוסט אז דער פני יהושע וואס איז געווען דער רבי פון הייליגן מגיד ממעזריטש בנגלה, איז געווען ווער האט געשטופט דעם מגיד צו ווערן א תלמיד פון הייליגן בעש"ט זיע"א.

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***

סעט מחזורים אשכנז דפוס זיטאמיר מצט טוב ושלם $3600 סידור לב שמח נדיר $40000 ספר באלאנגט להגאון ר' חיים ליבשיץ מתלמידי ר' חיים מוואלאזין, בריוו פון 6 שורות פון נודע ביהודה $50000, סידור עבודה ומורא דרך סלאוויטא תקפ"ד חסר שער הראשון מצב טוב מאור $35000, תיקון ליל שבועות סלאוויטא תקפ"ז נדיר חסר דף האחרון $3800, 3 ספרים שייך לבעל מקדשי ה' וויטצן $900, תיקוני זוהר דפוס זיטאמיר $1500, קבלה עם ברכת וחתימת הגה"ק ר' יעקב ארי' מטריסק $400, ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר' יוחנן מטאלנא $600, ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין רב מנחם מענדל $1500, ספר מיטן הקדשה פון חשק שלמה $1800, טשעק של האדמו"ר מסקולען ר' ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקים חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ"א, מכתב הגה"ק ר' משה אריה פריינד עם הגה"צ ר' רפאל סאלאווייטשיק $900, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם שתי חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק,, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא,, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store

Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

נר זכרון לזקני הרה"ח ר' אברהם יעקב הלוי באכנער ז"ל בן הרה"ג ר' יצחק מטשאבניץ בעל שיח יצחק, כ"ח חשון תשמ"ג, איש החסד בהצנע, עבד ה' בנאמנות ובתמימות, השאיר אחריו דורות ישרים ומבורכות